בעזהשי"ת

# דאס לעצטע מויער איינגעבראכען

דאס וואס איז ביז היינט באקאנט געווען אלץ דעם איינציג געבליבען פלאץ ווי כשרות איז אויף די העכסטע מדרגה, און די חשובסטע רבנים און בעלי בתים האבען מסכים געווען צו צאלען דאפעלט ווי מען צאלט איבעראל כדי צו האבען עופות פון דעם מארקעט וואס ווערט גערופען (אל סיטי פאלטערי All City Poultry אדער נארט North 4 איז ליידער שטארק געפאלען אין צוויי הינזיכטען.

**דאס ערשטע:** אז מען שעכט 600 אדער מער א שעה, דאפעלט ווי עס פלעג זיין, ווייל עס פארט א קייט.

**צווייטענ'ס:** ווייל עס ארבעטען דארט ווילדע גויים וואס שלעפען די עופות פון שוחט ווילדערהייט, און עס פאסירט אפט אז מען שלעפט בשעת שחיטה, אויך דורך די שנעלקייט פון די שחיטה דארף מען בודק זיין דעם חליף איילענדיג.

לאזען מיר זען דערצו אז די איינציגע שחיטה ביי אונז אין וויליאמסבורג זאל צוריק מתוקן ווערן, אדער זאלן שחט'ן 2 שוחטים אדער זאל מען נאר לייגען אויף יעדען צווייטען קייטעל, אין מען זאל אוועק שיקען דיא ווילדע גויים לכל הפחות ביים שוחט זאל זיין א ראויגער.

עס וואלט ווען שוין געווען די צייט עס זאל דארט זיין א משגיח תמידי (נישט דער פלאמבירער) ביים שחטן אין ער זאל בודק זיין די חלפים פאר אלע שוחטים.

**המעוררים**